בס"ד | סיון תשפ"ב | קלאנג ז
ארויסגעגעבן דורך: שמעון ראלניצקי

# גלאָק

June 2022 | NY/NJ: $9.99 | Canada $13.00
England £9 | Europe €10 | Israel 40 NIS



# איבער-געלעבט!

קינדערלאזער מלחמה איבערלעבער פון אונגאַרן טרעפט זיין קדיש זאָגער... /// ריכאַרדאָ פערעז
פון מעקסיקאָ זוכט דעם אמת און טאַנצט מיט אַ מלאך... /// אַ רב פאלט ווייטאָגליך אין זיין
שטאַנד פון די העמפּטאָנס צו יאָנקערס... /// דריי מענטשן פון דריי לענדער און דריי אַנדערע
פּאַרגאַנגענהייטן, וועמענ'ס לעבנס זענען געקניפּט און געבונדן דורך איין געמיינזאַמען גורל

## פּאַלסקאַ מיסיאַ ראַטאָווניטשאַ



דאָס קליינטשיגע פּוילן
ווערט רעקרוטירט צו
ראַטעווען אַמעריקע

## פון חלומות צו מעלאָנעס



סוקסעספולע פּראָדוקטן
וועלכע זענען דערפונדן
געוואָרן בחלום הלילה

## וואס האט דאָרט פּאַסירט?



די זינקונג פון דער
**מאסקוואַ**
קרוזער שיף

# אַ בריוו צו די לייענערס

**אייער שטימע איז דערהערט געוואָרן**
**"גלאָק" מדי חודש בחודשו**

ס'איז נישט לייכט אַרויסצוגעבן אַן ערליכע צייטשריפט פון אַ הויכן קאַליבער; ס'איז פיל לייכטער צו מאַכן "מאַרקעטינג קאַמפּיינס" פאַר אַ מוסד צי אַ פירמע וואָס לאָזט זיך קאָסטן גרויסע געלטער.

ס'איז גאָר שווער צו שרייבן אַרטיקלען און ס'איז נאָך פיל שווערער צו שרייבן אַרטיקלען וועלכע זענען פּערפעקט; אַרטיקלען וואָס ווען דער לייענער ענדיגט זיי צו לייענען שפּירט ער אַז ער האָט נישט סתם פאַרטאַכלעוועט צייט, נאָר ער האָט קונה געווען אינטערעסאַנטע ידיעות.

ס'איז דאָ אַ סיבה פאַרוואָס אַזויפיל גוטע שרייבערס לאָזן איבער דעם עולם הכתיבה; ס'איז אַ שאָד צו פאַרברענגען שעות און טעג מיט'ן מאַכן פאָרש-אַרבעט, מיט'ן נאָכלויפן מענטשן פאַר אינטערוויוס, און פון צייט-צו-צייט ווערן שטאַרק אַנטוישט ווען אַ פּראָיעקט אויף וועלכן מען האָט געאַרבעט פאַר טעג אָדער וואָכן איז צעפאַלן. דאָס איז אַרבעט פאַר וועלכער מען באַקומט נישט באַצאָלט.

ס'איז ביטער שווער זיך אַראָפּצוזעצן שרייבן אַן אַרטיקל ווען דער קאָפּ איז נישט הונדערט פּראָצענט קלאָר און אויסגערוט, אָבער ס'איז נאָך סאַך שווערער צו שרייבן אַ גוטן אַרטיקל ווען מען איז נישט וויליג צו איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן ווען ס'קומט צו אידישקייט, ערליכקייט און קוואַליטעט, און מען וויל נישט זיין אַ מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן.

ווען מיר האָבן באַזוכט 47 סטריט צו באַשרייבן די גאַס וואָס איז במשך פון הונדערט יאָר געווען דער צענטער פון דער חרדי'שער עקאָנאָמיע אין אַמעריקע (קלאַנג 4), האָבן מיר געהערט אַ מעשה איבער אַ דיאַמאַנט-שלייפער וועלכער האָט געהאַט גאָלדענע הענט און יעדן דיאַמאַנט וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיינע הענט איז באַוואונדערט געוואָרן דורך יעדן איינעם, אָבער קיין סאַך געלט האָט ער נישט געמאַכט ווייל אָפּגעזען וויפיל געלט ער האָט געקענט בעטן אויף אַ דיאַמאַנט האָט עס נישט געדעקט די טעג און וואָכן וואָס ער האָט נישט געטאָן עפּעס אַנדערש ווי שלייפן דעם שטיין איינמאָל און נאָכאַמאָל, ווייל ער איז נאָכנישט הונדערט פּראָצענט פּערפעקט. דער דיאַמאַנט שלייפער האָט עוונטועל געמוזט גיין זוכן אַן אַנדערע פּרנסה.

טייערע לייענערס, במשך די לעצטע חדשים האָבן מיר באַקומען ממש הונדערטער ווענדונגען, בלי שום גוזמא, טעלעפאָניש ווי שריפטליך: "ביטע גיבט ווייטער אַרויס דער גלאָק! נישטאָ קיין אויסגאַבע אויף דער וועלט וואָס קאָנקורירט דערמיט."

איש בשורה אנוכי היום: אייערע שטימעס זענען דערהערט געוואָרן.

מיר האָבן פאַרברענגט די לעצטע וואָכן מיט'ן צוזאַמשטעלן אַ נייעם שטאַב פון גוטע שרייבערס, מיר האָבן צוזאַמגעברענגט אַ גרופּע פון ערליכע אידן וועלכע וועלןווידמען זייערע טעג צו צושטעלן אויסגעהאַלטענע לייען מאַטעריאַל וועלכע קענען אַריינגענומען ווערן אין יעדן אידישן שטוב, און בעיקר אַז די אויסגאַבע זאָל אַרויסקומען רעגלמעסיג, יעדן חודש, מיט דער הילף פון השי"ת.

אין היינטיגן "גלאָק" אַזוי ווי אין די פריערדיגע אויסגאַבעס פון "דער גלאָק" זענען אַלע אַרטיקלען אייגנאַרטיג און נישט נאָכגעשריבן פון אַן אַנדערער אויסגאַבע; דאָס איז פאָרש-אַרבעט וואָס האָט געקאָסט גאָר אַסאַך כוחות און האָרעוואַניע. מיר האָבן עס געטאָן ווייל 'איר' האָט עס געבעטן.

און מיר קענען עס נאָר טאָן ווייטער אויב איר וועט טאַקע שעצן די אַרבעט וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין 'אייער' צייטשריפט און בשום אופן נישט באָרגן די אויסגאַבע פון אַן אַנדערן, נאָר אַליין קויפן אייער עקזעמפּלאַר. נאָר אַזוי וועלן מיר בעז"ה קענען צושטעלן הערליכע און ערליכע לייען מאַטעריאַל פאַר דער גאַנצער משפּחה פאַר לאַנגע און גוטע יאָרן.

אַ גוטן חודש, מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל זען בעז"ה אין אַ חודש אַרום.

**שמעון ראָלניצקי, רעדאַקטאָר**

*"עה, דאָס איז נאָר פאַר די פאַנאַטישע פרומע. אָבער מיר זענען אויפגעקלערט, מיר זענען רעפאָרמער אידן."*

*ראש השנה האָבן זיי מיר געוואָלט געבן אַן עליה, אָבער איך האָב זיי אָנגעשריגן, "וואָס איז דאָס מיט אייך?! אום ראש השנה ווילט איר געבן אַן עליה פאַר אַ גוי?! אַ מאַן וועלכער איז ניטאַמאָל אַריבער קיין ברית מילה?!"*

*דער מקום האָט געהאַט זעראָ שייכות מיט דעם אידישן גלויבן. עפּעס אַ זכר פון אידישקייט איז געווען, אָבער מיט דעם האָט זיך עס געענדיגט. זיי האָבן געפייערט האַלעווין פּונקט ווי פּורים און חנוכה אינאיינעם מיט (להבדיל) קראַצמעך.*

*איך האָב זיך כסדר געטראָפן פאַרמישט אין געפעכטן מיט זיי. איך האָב געשריגן אויף זיי: "איר פייערט יאָשקע'ן?! איך בין דאָך אַוועק פון דאָרט ווייל איך האָב מיט דער זאַך נישט געוואָלט האָבן קיין פאַרבינדונג ברענגט איר עס אַריין דאָ אין אַ אידישער שול?"*

*זיי האָבן מיך אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן און דער ראַביי האָט מיר ערקלערט: "מיר זענען נייס צו יעדן..." די איראָניע איז אַז אין יענער שול בין איך, דער גוי, געווען דער גרעסטער תלמיד חכם...*

ריכאַרדאָ האָט ענדליך איינגעזען אַז ער קען אָרט נישט בלייבן. 'דאָס' איז נישט אידישקייט און ר האָט געוואָלט זיין אַ 'איד' מיט'ן גאַנצן אמת. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ חב"ד רב אין טשיקאָ, ואָס איז בערך אַ האַלבע שעה דרום פון רעד בלאָף, און האָט געמאַכט מיט אים אַ קשר.

*עס איז מיר גראַדע אָנגעקומען זייער שווער. דער רב האָט געטאָן וואָס ער האָט געדאַרפט ע"פ הלכה און מיך כסדר מדחה געווען. מיין פרוי האָט דאָס נישט געקענט פאַרדייען. אין דעם רעפאָרם טעמפּל האָט מען אונז זייער שיין מקרב געווען און דאָ איז מען אונז מרחק. מיר קומען צו גיין ווייל מיר זוכן אידישקייט, און דערווייל שטופּט מען אונז אַוועק.*

*עס האָט מיר גענומען אַסאַך כוחות צו באַרואיגן מיין פרוי און איר ערקלערן אַז מיר קומען נישט דאָ זוכן כבוד אָדער פריינד. מיר קומען דאָ זוכן דעם אויבערשטן.*

*און ווען דער רב האָט ענדליך איינגעזען אַז מיר מיינען עס ערנסט האָט ער אונז אָנגעהויבן העלפן; ער האָט אונז פאַרבונדן מיט ערליכע רבנים אין קאַליפאָרניע און דערנאָך אין ניו יאָרק, ווייל חב"ד מאַכט נישט קיין גיורים. אָבער דורך אים האָבן מיר געפונען די רבנים וואָס האָבן אונז מגייר געווען.*

*איך האָב זיך דאַן געפונען אין ניו יאָרק פאַר אַ ווילע, וואו איך האָב זיך פאַרזוימט אין פאַרשידענע מקומות און פאַרברענגט שבתים אין מערערע שולן, און אין דער צייט האָב איך צוגעלערנט וואָס איך האָב נאָך געדאַרפט קענען אויף צו ווערן אַ איד.*

## ווינטער תשע"ט, פרשת ויחי סאַקראַמענטאָ, קאַליפאָרניע

ווען מען וואוינט 3,000 מייל אַוועק פון די עלטערן איז זייער שווער זיי צו באַזוכן אַזוי אָפט. פאַר אַ לאַנגער צייט האָט הרב לוי יצחק וועלטאָן גע'חלומ'ט פון פאָרן אויף אַ באַזוך קיין קאַליפאָרניע אינאיינעם מיט דער גאַנצער משפחה, צו מקיים זיין מצות כיבוד אב ואם.

אַ געלעגנהייט איז אים ענדליך אונטערגעקומען ווען זיינע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין סאַקראַמענטאָ, דער הויפּטשטאָט פון קאַליפאָרניע. הרב וועלטאָן האָט גענומען אורלויב פון זיינע רבני'שע פליכטן און זיך ארויפגעזעצט מיט דער

פרוי און קינדער אויף אַ פליגער, פליענדיג אויף קאַליפאָרניע צו פאַרברענגען דריי אַנגענעמע טעג – פרייטאָג, שבת און זונטאג – מיט די עלטערן, זיי צו געבן אַ געלעגענהייט צו שעפּן אַביסל נחת פון די קינדער און אייניקלעך. איינוועגס האָט ער געפּלאַנט זיך צו באַקענען אַביסל מיט זיינע עלטערנ׳ס נייער סביבה און אינאיינעם דעראינערן זיך אין די געשמאַקע זכרונות פון די קינדערשע יאָרן.

הרב וועלטאָן האָט זיך שטאַרק געפרייט צו קענען פאַרברענגען נאָכאַמאָל אַ שבת מיט זיינע עלטערן, ווי ער אייסערט זיך: "עס פילט גוט ווען מען קען איין שבת איבערלאָזן דעם טיטל רב אינדערהיים און זיין פשוט, 'מיסטער וועלטאָן, דער זון פון דעם באַקאַנטן און שטאַרק-רעספּעקטירטן ראַביי וועלטאָן.' איך האָב זייער אַרויסגעקוקט אויף דעם שבת מיט זיי."

שבת צופרי איז געווען אַ ספּעציעלע געשעעניש אין דער שול וואו זיין פאָטער האָט געדאַוונט, ס׳איז געווען אַ בר מצוה. אמת, אַ בר מצוה איז נישט עפּעס אַזאַ אויסעראָרדענטליכע אָדער זעלטענע געשעעניש, אָבער די דאָזיגע בר מצוה איז געווען אַנדערש. די עלטערן פון דעם בחור זענען גרים, און דער בחור׳ל אַליין גייט צו דער געלעגענהייט פון זיין בר-מצוה אַריינקומען, נישט נאָר לעול התורה והמצוות, נאָר תחת כנפי השכינה בכלל, ווייל דער בחור׳ל איז געבוירן נאָך איידער זיינע עלטערן האָבן זיך מגייר געווען.

ר׳ לוי יצחק האָט נישט געפּלאַנט זיך צו פאַרזוימען זייער לאַנג ביים קידוש; ס׳איז טאַקע געווען אַ גרויסער שמחה אָבער ער איז דאָ צוגאַסט ביי זיינע עלטערן בלויז פאַר דריי טעג און ער שפּירט ווי ער מוז אויסניצן יעדע מינוט וואָס ער קען נאָר פאַרברענגען מיט זיי. ער האָט געגעבן מזל טוב, וואַרעם אָנגעוואונטשן דעם בחור׳ל און זיין פאָטער, און דאַן אַהיימגעגאַנגען.

אָבער ר׳ לוי יצחק׳ס פאָטער האָט געהאַט אַנדערע פּלענער; אַ בר מצוה פון אַ גר צדק איז אַ דערהויבענע מאורע, וואָס לאו בכל יומא מתרחש.

מען האָט סערווירט אַ גרויסאַרטיגן קידוש לכבוד דער בר מצוה און די פאַמיליע פון דעם בחור מיט נאָך עטליכע נאָענטע פריינד זענען שוין געבליבן אין בית המדרש צו מיטעסן די סעודה.

ר׳ לוי יצחק האָט געוואַרט אינדערהיים אויף זיין פאָטער, אָבער דער עלטערער הרב וועלטאָן קומט עפּעס נישט אַהיים. די צייט רוקט זיך און ר׳ לוי יצחק ווערט אומגעדולדיג און באַשליסט צוריקצוגיין אין שול צו זען פאַרוואָס זיין פאָטער פאַרזוימט זיך. צו זיין איבערראַשונג האָט ער געטראָפן זיין טאַטן פאַרברענגען גאָר געשמאַק.

"טאַטע," האָט ר׳ לוי יצחק געזאָגט. "לאָמיר אַהיימגיין, די אייניקלעך וואַרטן אויף דיר."

אָבער דער פאָטער האָט זיך נישט געקענט געזעגענען אַזוי שנעל.

"ס׳איז אַ שאָד צו פאַרפאַסן אַזאַ שמחה," האָט הרב בנציון געזאָגט. "פאַרוואָס זעצטו זיך נישט צו צו פאַרברענגען מיט אונז אינאיינעם?"

ר׳ לוי יצחק האָט געטאָן וואָס דער טאַטע האָט אים געבעטן.

## ובחרת ב"חיים"

זיצט אַזוי די קליינע קבוצה און מען שמועסט, און ר׳ לוי קניפּט אָן אַ שמועס מיט דעם אבי הבן. הערנדיג פון אים אַז ער הייסט חיים, האָט זיך זיין נייגער אָנגעצונדן. ער האָט גענומען מוט און זיך געוואָנדן צום בעל שמחה:

"אַ גר באַקומט געווענליך דעם נאָמען אברהם. אַז איר הייסט חיים, מוז דאָך זיין עפּעס אַ מעשה אונטער דעם."

און ר׳ חיים לאָזט זיך נישט וואַרטן. ער עפנט זיין מויל און דערציילט די גאַנצע געשיכטע וואָס מיר האָבן אייך שוין דערציילט עטליכע בלעטער צוריק, וויאַזוי ער האָט געטאַנצן אין אַ שול אין ניו יאָרק און



הרב בנציון וועלטאן, פאטער פון הרב לוי יצחק. ר' בנציון איז דער גרינדער און אנפירער פון דעם וועד הכשרות אוו נארדערן קאליפארניע, באקאנט אלס סאנרייז קאשער

וויאַזוי ער איז אַזוי נתפעל און נתרגש געוואָרן פון אַן אַלטן איד און באַשלאָסן זיך צו רופן אויף זיין נאָמען.

און דער גר צדק האָט ווייטער געשילדערט:

*נאָכ'ן דאַווענען האָב איך געפרעגט דעם איד וויאַזוי ער הייסט און ווען דער איד האָט מיר געענטפערט אַז ער הייסט "חיים" האָב איך זיך דאָס גוט איינגעַ'חזר'ט. מיט אַ צייט שפּעטער, ווען איך בין בעז"ה אַריין תחת כנפי השכינה און געהאַט די גוואַלדיגע געלעגנהייט צו באַקומען אַ אידישן נאָמען, האָב איך אויסגעקליבן דעם נאָמען חיים, על שמו פון יענעם איד.*

*און טאַקע פון דעם טאָג וואָס איך האָב זיך מגייר געווען און געוואָרן אַ טייל פון דעם אידישן פאָלק, שטרעב איך צו זיין ווי ר' חיים, איך לייג אַריין כוחות אין שבת קודש, איך לערן וועגן שבת און איך פריי זיך מיט שבת. דער שבת איז ביי מיר גאָר אַ געהויבענער טאָג, יעדן שבת פּרוביר איך צו שפּירן אָט דעם טעם, אָט דעם געשמאַק וואָס איך האָב דאַן געזען אויף ר' חיימ'ן, און וואָס איך האָב דאַן אַליין געשפּירט אין דער סביבה פון ר' חיימ'ן.*

ר' לוי יצחק גלייבט נישט זיינע אויערן:

"עס מוז זיין אַז איר רעדט פון ר' חיים גראָסמאַן!"

יעצט איז געקומען די רייע פאַר דעם גר ר' חיים צו ווערן איבערראַשט.

"יאָ, טאַקע, פּונקט אַזוי. פון וואו ווייסט איר?"

"ווייל ער איז דער איינציגסטער חיים מיט וועמען די מעשה האָט געקענט פּאַסירן!"

"איר קענט ר' חיים גראָסמאַן?!"

"וואָס הייסט צי איך קען אים? איך בין היינט דער רב אין יענער שול אין יאָנקערס, און ר' חיים גראָסמאַן דאַוונט ביי מיר. איך זע יעדן פרייטאָג צונאַכטס ווי ער טאַנצט מיט אַזאַ שמחה און ברען, און דערפאַר ווייס איך אַז די געשיכטע האָט געמוזט האָבן פּאַסירט מיט אים."

ר' חיים פערעז איז געבליבן שטיין געפּלעפט; דאָס איז געווען ממש ווי ער זאָל באַקומען אַ סימן פון הימל. אָבער ר' לוי יצחק איז נאָכנישט פאַרטיג:

"איך וועל אייך דערציילן נאָך אַ זאַך," האָט דער רב פון דער יאָנקערס שול פאָרגעזעצט. "די דרשה וואָס איר האָט געהערט אין דער העמפּסטאָנס שול, אַז אַ איד וואָס האָט נומערן אין די הענט און האַלט די תורה און מצוות איז אַ מלאך – די דרשה האָט איר געהערט פון מיר, ווייבאַלד איך בין דאַן געווען רב אין דער העמפּסטאָנס שול!"

ר' חיים פערעז איז געבליבן שטיין אָן לשון; ער האָט נאָך אַלץ נישט געקענט גלייבן אַז דאָס